# LIVING TORAH

## פרשת תבוא

### בס״ד. שיחת אור לח״י אלול ה׳תשמ״ב.

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

ס׳איז דאָ אַ חילוק עיקרי, וואָס ווערט אויפגעטאָן אין דעם רגע וואָס ער איז יצא מבטן אמו און אַרויס לאויר העולם. וואָס איז דאָס? אַז בשעת ער איז בבטן אמו קען ער גאָרנישט ניט אויפטאָן אין וועלט;

אין דער רגע וואָס ער איז אַרויס לאויר העולם – הערט מען שוין זיין געשריי, און ער איז שוין מבלבל, אָדער פאַרקערט – גורם שמחה ונחת-רוח וכיוצא בזה; ער איז שוין געוואָרן אַ כח פעיל, אַ זאַך וואָס ווירקט אין וועלט.

ווען איז דאָס געוואָרן, אין וועלכע רגע? פריער איז ער געווען אוכל – האָט ער געגעסן פאַר זיך. נוסף וואָס ס׳איז געווען ״ממה שאמו אוכלת״, איז דאָס געווען ״אוכל״ – געגעסן פאַר זיך; ער איז געווען אַ ״שותה״, נוסף וואָס דאָס איז ״מה שאמו שותה״ – האָט ער געטרונקען פאַר זיך. ער האָט באַקומען לב דופק, דפיקת הלב וכל הענינים, מנענע געווען אויך מיט די אברים – דאָס איז אַלץ געווען פאַר זיך.שעריו וצפרניו האָבן געהאַלטן אין וואַקסן עד שנגמרו שערותיו וצפרניו – דאָס איז אַלץ געווען ניט ווי ציפּרניים קענען אויפטאָן אין וועלט, אָדער ווי שערות קענען אויפטאָן אין וועלט – דאָס איז אַלץ ווי שערות און ציפּרניים זיינען מוסיף אין זיין גדלות ושלימות, ביז וואַנענט אַז מ׳ווייס, אַז ״נגמרו שערותיו וצפרניו״ איז אַ סימן אַז דאָס איז זרעא חייא וקיימא – אַלץ בהנוגע צו זיך.

ווען ווערט ער אַ זאַך וואָס טוט-אויף בעולמו של הקב״ה? – איז נאָך טרם ידע הנער לקרוא, טרם ידע הנער להבחין בין טוב לרע; פון דער ערשטער רגע וואָס ער איז אַרויס לאויר העולם – האָט ער שוין אויפגעטאָן אין אויר העולם. כאמור לעיל, ווי מ׳זעט בפשטות: אָדער ער שרייט און מ׳דאַרף אים איינשטילן אָדער ער שמייכלט און אַלע אַרום אים זיינען גליקלעך וואָס דער קינד שמייכלט, וכיוצא בזה כמה וכמה ענינים ובכל יום ויום, אָנהויבנדיק פון דעם ערשטן רגע.

אין דערויף גופא איז דאָך אָבער אינו דומה צי דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך זיין מציאות, אָן קיין השתדלות מצידו - אָדער דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך מעשה שלו, וואָס אַ מעשה פון אַ קטן איז אויך אַ מעשה, אָדער דאָס ווערט אויפגעטאָן אויך דורך זיין דיבור און זיין מחשבה, וואָס דעמאָלט דאַרף מען שוין האָבן ער זאָל זיין אַ גדול.

על דרך זה, אין צווישן ״חוטב עציך״ ו״שואב מימיך״ לגבי ״ראשיכם שבטיכם״, איז יעדערער פון זיי האָט די שליחות, נוסף – בלשון המשנה – ״אני נבראתי לשמש את קוני״, איז פירושי המשנה – און גמרא און מדרשים און מוסר, חסידות און קבלה – זיינען מבאר, אַז דער שימוש באַשטייט בעיקר אין דערויף פון ״לעשות לו דירה בתחתונים״ – מאַכן פון דער וועלט, אַז זי זאָל זיין ״לשבת יצרה״ פון דעם ״אדם״ העליון, וואָס אויף דערויף דאַרף מען האָבן די כמה וכמה פעולות: לימוד התורה וקיום מצוותי׳ און ״כל מעשיך יהיו לשם שמים״ ו״בכל דרכיך דעהו״.

וואָס דאָס איז דער חיוב אויף אויפטאָן אין וועלט און מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים – איז דאָס אויף יעדער אידן.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תבוא

ס'איז דאָך אָבער אינו דומה דער חיוב וואָס ליגט באַ דעם וואָס מ'האָט אים געגעבן גרעסערע כוחות, ביז וואַנענט אַז מ'האָט אים געגעבן די גרעסטע כוחות וואָס ס'קען זיין - אַ נשמה חדשה. וואָס אָט דעמאָלט קען ער אויפטאָן, זייענדיק אַ נשמה חדשה – טוט ער אויף אַ חידוש אין דער גאַנצער וועלט!

אַ וועלט וואָס ס'איז פריער געווען תנאים, און אמוראים, און פאַר דערויף משה רבינו, און די אבות וכו', ווערט דערנאָך אַ נשמה חדשה, וואָס ירדה למטה נשמה בגוף, און דאָ למטה איז זי דערנאָך יצא לאויר העולם.

איז שוין אָט דאָס וואָס ס'איז צוגעקומען אַ נשמה אין וועלט, און דאָס איז אַ נשמה חדשה – איז מעצמו מובן, אַז ס'דאַרף צוקומען אַ חידוש אין וועלט. דאָס גופא איז שוין אַ חידוש.

וואָרום אַ נשמה איז איר עצם מציאות בדוגמא ווי מ'זאָגט באַ משה רבינו "ותראהו כי טוב הוא", אַז ווען נולד "נתמלא כל הבית כולו אורה". פון וואַנענט לערנט מען דאָס אָפּ? – דערפאַר וואָס ער ווערט אָנגערופן "טוב", "ותראהו כי טוב הוא", און "טוב" איז דער ענין פון אור. במילא, איז הבית איז געוואָרן מלא אורה מיט דער עצם רגע ווען יצא לאויר העולם.

מ'וויל דאָך אָבער אַז ניט נאָר "נתמלא הבית כולו אורה",

וואָס אָט דאָס טוען אויף נשיאים – "מאורות הגדולים": זיי זיינען אַ מאור, וואָס דער אָפּטייטש פון "מאור" איז - אַז דאָס איז דער מקור אויף אור; זיי ווערן אָנגערופן "מאורות הגדולים" - אַז די עניניהם ווערן אויפגעטאָן אין אַן אופן פון גדלות,

ביז וואַנענט אַז דאָס ווערט אַ "נרות להאיר", טופח על מנת להפטיח,

וכידוע וואָס רבותינו נשיאינו האָבן געזאָגט, אַז "וצדיק באמונתו יחי'", "אל תקרי יחי' אלא יחַי'" - אַז דאָס איז מערניט ווי אין תחילת העבודה. בשעת אָבער מ'מאַכט דעם צווייטן אַ לעבעדיקע מציאות – איז דערנאָך דאַרף ער לעבן בכח עצמו ובעבודת עצמו.

און ס'דאַרף זיין ווי אַ תלמיד טוב, באַקומט ער דאָך אין זיך מעין פון תכונת פון זיין מלמד. וואָס אָט דאָס וויל יעדער "מאור", אַז תלמידו זאָל ווערן "נרות להאיר", ביז אין אַן אופן פון "טופח על מנת להטפיח".

ובכללות, בשעת ס'רעדט זיך וועגן חסידות הכללית, און דער נשיא און מייסד פון חסידות הכללית, און ס'רעדט זיך פון דעם בורא ומייצר ועושה פון חסידות חב"ד, און דער נשיא פון דער חסידות חב"ד עד סוף כל הדורות – ווילן זיי, אַז ס'זאָלן זיין תלמידיהם כיוצא בהם, אין דעם ענין אין וועלכן זיי האָבן זיך געקאָכט און זיי האָבן אין דערויף אויפגעטאָן.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.